
MENDY HERSHKOWITZ PRESENTS
רעיונות
מאטי אילאוויטש
MOTTY ILOWITZ

# יישר כח

**"דעי שטוב איז געשטעלט דערויף -**
**דא קומט אָן מיין הכרת הטוב..."**

א רעיון פון **הכרת הטוב** פאר אייער צייט, מיטארבעטעניש, און מוזיקאלישע/
שרייבערישע **רעיונות:** (לפי א"ב)

אברמי בערקאוויטש
אהרלע סמט
הרב אהרן אסטרייכער
אליעזר הערש ראזענפעלד
ארון לייב לענעראוויטש
ברוך יודא האלצלער
דוד וועבער
הערשל פעקעטע
וועלוול פעלדמאן
וועלוול שמעלצער
זושא קנאבלאך
חזקי ברויער
חזקי שטיין
חיים מאיר ערפס
יוסי פראמאוויטש
יצחק אייזיק אלטמאן
יצחק ציג
מנחם אילאוויטש
מרדכי דוד אסטרייכער
הרב שלמה זלמן בירנהאק
שרגא מיללער

**...פול מיט יראה, מיט א היימישע צורה, זינגט דארט 'שירה'...**

**יואלי הורוויץ** - דיין פארשטאנד. דיין טאלאנט. מער פון אלעם, דיין איבערגעגעבענע כאראקטער. ביסט א רעיון פון א מענטש!

**הערשל וויינבערגער** - אתה הרי יודע מה שחסר ומה שטוב..! ווייס אויך ווי שטארק דאנקבאר איך בין צו דיר.

Sheer Vocal Talent™

**קווייער:**
אברהם האלצלער
אברהם לונגער
דוד פעדער
זאב וויליגער
חיים מאיר ניימאן
חיים שלייפער
טובי' גוטוויין
יוסף גליק
יושע קאפף
יעקב יצחק וויינגארטען
יצחק צימענט
משה הערצל
שלום פעדער
שלמה ליכטער
שמואל שמעלצער
שמעון יואל זינגער

**קינדער קווייער דורך:**
MK STUDIOS
אברמי דייטש
בנצי לונגער
דני מענדלאוויטש
זלמי דאסקאל
זלמן לייב פרידמאן
יאנקי הערשקאוויטש
יודי שאלאמאן
ישעי' קליין
שמחה קארנבלי

Solo on Track 10
דוד לייפער



**מענדי!**
יעדער איז מודה אז קיינער איז נישט ווי דיר. איך האב א **תאוה** דיר באדאנקן, אבער **ואיני יודע** וואו אנצוהייבן, בשעת ווען מיין **הכרת הטוב** איז אזוי מעכטיג גרויס.

ווי **גליקליך** בין איך האבנדיג גע'ארבעט אינאיינעם מיט דיר. **רחמיך וחסדיך תזכור היום ובכל יום** - סיי דיין פריינטשאפט, מענטשליכקייט, און דיין שכל הישר. און סיי דיין אויסטערלישע מוזיקאלישע גאונות, אזש יעדע **שברים** און **תרועה** אויף דעם אלבום - סיי די חלקים פון **בכיה** און סיי פון **שמחה** - איז אסאך מער ווי איך האב געמיינט!

די טעג, וואכן, און חדשים פון ארבעטן אויף די ניגונים איז נישט **בחינם**, נאר עפעס וואס בלייבט לדורות, **בעולם הזה ובעולם הבא**.

---

**Shloimy Salzman** – lets talk **תכלית** you're brilliant!

**גרשי שווארץ -** איבערד'רעיון' און איבערקייען יעדעס ווארט.

**בעריש הערשקאוויטש -** א גוטע רעיון אויף יעדע זאך וואס מ'וויל טון און ט'רעיון'.

**אביגדור גליק -** שטעלן אלעס אין די 'רייען'.

**יומי שלעזינגער -** אָן דיר וואלט גארנישט געווען!!! דו טוסט אלעס, אלעס, אלעס אָנד'רעיון'. יומי, ווען קום איך אריין מארגן?!

**און די גאנצע SonicDuo Team:**
'יעדער' מיט זיין **ר**אלע, **ע**נערגיע, **י**גיעה, **ו**וארעמקייט, **נ**וצן, **ו**ויסנשאפט, און **ת**כונת הנפש.
א דאנק פאר ענקער **ר**ואיגקייט, **ע**צה, **י**שוב הדעת, **ו**וילן, **נ**שמה, **ו**ואכזאמקייט, און **ת**וכן.

# CREDITS

**MUSICIANS:**
Mendy Hershkowitz
Shloimy Salzman
Gal Gershovsky
Avi Singolda
Noam Burag Chargol
Guy Dan
The European National Orchestra
Shlomi Cohen
Amir Alaev
Zevy Zions
Joe Fielder
Jim Hynes
Yonoson Josef

**ENGINEERS:**
Gershy Schwartz @ *Edgware Studio*
Vigder Glick @ *Sonic Duo*
Chaim Gottesman & Moishe Shulman @ *Zmirot-Banet Studio's*
Yossi Glick & Shloimy Brown @ *Shevach Studios*
Moshe Kraus & Volvy Spitzer @ *MK Studios*
Ronan Hilal
Eli Lishinsky
Aran Lavi

**COVER & ALBUM DESIGN**
Eli Kaufman @ *KZ*

# יעדער קיינער

**1**

**רעיון**

שוין פון אלס קליין קינד – ביים מוטשענען אז 'קיינער' בלייבט נישט
אינדערהיים חול המועד, אדער ביים וועלן א געוויסע ריסעס נאך ווייל
'יעדער' ברענגט עס – האב איך מיך אייביג געוואונדערט... ווער איז
דער קיינער און יעדער?

איך מיין יעדער האבן זיך שוין אמאל געטראפן? קיינער קען מיך בכלל?
די צוויי צענען די זעלבע יארגאנג? קיינער האט אייך העכט אדער א
הארל, אדער האט בלויז טיף-שפיציגע בליקן?!

נאכמער, אפשר וויל גאר קיינער אז יעדער זאל טון וואס ער וויל, און
יעדער דארף נישט קיינער!

טיפערהייט פארכט איך, איז פארהאן א מעגליכקייט אז 'איך' בין גאר א
צווייטנ'ס יעדער אדער קיינער??!!

"יעדער" און "קיינער" האבן מיך שטענדיג פאסאנירט, און איך האב
שטענדיג געוואלט שרייבן איבער די צוויי קאריקאטורן.

קיינער זאל מיך נישט זאגן אז יעדער גייט נישט פרעגן וואס איז מיטן
ניגון איבער משה רבינו!

**קיינער הייבט נישט אָן אזוי א סידי....!**

צוויי מענטשן דרייען זיך ארום
באקאנט פאר יעדן אומעטום,
זייער נאמען ווייסט יעדער איינער
זיי הייסן "יעדער" און "קיינער".

מ'רעדט פון זיי אויף א יעדן טריט
יעדער קוקט נאר וואס יעדער טוט,
און פראבירן חלילה קיין מינוט-נישט
צו טון עפעס וואס קיינער טוט-נישט.

**"ווער איז דער יעדער**
**וואס פירט די וועלט אויף רעדער**
**איך האב שוין יעדן געפרעגט.**
**ווער איז דער קיינער**
**וואס זאגט פאר יעדער איינער**
**וויאזוי זיך פירן אלע זיינע טעג.**

**יעדער טוט אזוי**
**און קיינער טוט אזי**
**איך וואונדער מיך, ווער זענען זיי??**
**יעדער זאגט אהער**
**און קיינער גייט אהין**
**זאג מיר, ווער זענען די צוויי?"**

פאר איך טוה נאר עפעס, ווייס איך אבער באלד
קודם מוז איך הערן וואס ר' יעדער האלט,
פון זיין חוות דעת איך ריר מיך נישט קיין טראפ
נאר אויב יעדער שאקלט מיטן קאפ.

א מלבוש, א שמחה, וואס אימער מ'קלערט
קודם אינטערסיר איך מיך אויב קיינער האלט פארקערט,
קיינער זאל אויף מיר נישט קיין טענה האבן
פארוואס האסט דיך אליינס באגראבן.

**"ווער איז דער יעדער**
**וואס פירט די וועלט אויף רעדער**
**איך האב שוין יעדן געפרעגט.**
**ווער איז דער קיינער**
**וואס זאגט פאר יעדער איינער**
**וויאזוי זיך פירן אלע זיינע טעג."**

—

יעדער קוקט אויס ווי א וואוילער מאן
וואס העלפט פשוט קענען מחליט זיין,
באגלייט אונז אין גאס און אין הויז
און שפעטער לאכט אונז יעדער אויס.

קיינער איז א שטרענגערע מהות
כאטש קיינער ווייסט נישט
ווער דער קיינער איז,
פארקערט ווי קיינער וויל קיינער מאכן
ס'נישטא קיינער וואס זאל לאכן.

**"ווער איז דער יעדער**
**וואס פירט די וועלט אויף רעדער**
**איך האב שוין יעדן געפרעגט.**
**ווער איז דער קיינער**
**וואס זאגט פאר יעדער איינער**
**וויאזוי זיך פירן אלע זיינע טעג.**

**קיינער טוט נישט דאס**
**און יעדער טוט נאר יענץ**
**איך וויל וויסן, וו-ווער זענען זיי??**
**קיינער וועט נישט קומען**
**און וואס וועט יעדער זאגן**
**זאג מיר, ווער זענען די צוויי?"**

און הערליכע בר מצוה האט און ארימאן געמאכט
ער האט זיך פארענטפערט פאר מיר א גאנצע נאכט,
קיינער טוט נישט אנדערש. וויז איך אים זאפארט
הע, קיינער איז ניטאמאל דארט.

דער יעדער האט קיין כח, עס איז אים שוין נישט גרינג
דער קיינער איז שוין נמאס, ער איז שוין אויך נישט יונג,
קיינער וועט נישט שטערן אז מ'לאזט אים גיין
יעדער וועט זיך גאר מחיה זיין.

**"לאז אפ דעם יעדער**
**רואיגער איך זע-דיר**
**שלעפ נישט יעדער מיט דיר,**
**לאז אפ דעם קיינער**
**וועסטו זען אליין, ער**
**האט ניטאמאל דיך נאכגעקוקט פריער.**

**מסכים איז יע-דערקענען איז נישט קיינער**
**שטייט נישט אין וועג,**
**יעדער מיט קיינער**
**הייסן יעדער איינער**
**אזוי זיך פירן אלע דיינע טעג!**

# קֵל אֶרֶךְ

קֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם אַתָּה וּבַעַל הָרַחֲמִים
נִקְרֵאתָ וְדֶרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ.
גְּדֻלַּת רַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ תִּזְכּוֹר
הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם.

(תחנון)

2

## 2. קֵל אֶרֶךְ

רעיון

**גדולת רחמיך, אוי וחסדיך.** רחמים און חסד זענען טייל פון די סימנים פונעם אידישן פאלק. רחמים און חסד זענען די מידות פונעם רבוש"ע, חסד ורחמים מלא כבודו. מיר לויבן אים דערויף און בעטן כסדר ביים אב הרחמן אז יהי חסדך ד' עלינו.

וואס איז חסד און וואס איז רחמים? עס זענען דא אן א שיעור הסברים.

די הארץ פון די עשר ספירות איז חסד–תפארת–גבורה. די מידה פון חסד איז צו געבן גוטס פאר יעדן אָן קיין חשבונות, אָן קיין צמצום, אפילו אויב יענער איז נישט ראוי. פון די אנדערע זייט – גבורה (דין) – איז משפיע צו זיין בלויז פאר די וואס זענען אמת'דיג ראוי.

***'רחמים'*** – וואס איז תפארת – איז ווי א בריק צווישן חסד און גבורה. מאכט א פשרה צווישן די צוויי, אז אפילו אויב איינער איז נישט ראוי מצד הדין, איז עס משפיע מצד החסד.

**געדענק'זשע טאטע, אוי רחמיך!**

אן אינטערסאנטע השגחה האט זיך דערזען. רעקארדירענדיג די ווארקאלן פאר דעם ניגון, אום פרשת שלח, האב איך מיך געכאפט אז אין אט די פרשה (יד, יח) בעט זיך משה רבינו צום רבוש"ע (ביי די פרשה פון די מרגלים!) ד' ארך אפים... און רש"י ברענגט צו אז דער רבוש"ע האט געזאגט פאר משה 'אף לרשעים', אפילו פאר אזעלכע וואס זענען נישט ראוי! ודו"ק.

**געדענק'זשע טאטע, אוי רחמיך!**




רעיון

אלס יונג בחור'ל האב איך זיך אָנגעקלאַפּט אין די דאזיגע ווערטער אין תניא (חלק א לג)
און עס האט מיר תיכף ארייגעבליזט דערויף א תנועה.

ארויפגייענדיג נאכדעם אויף ר' ישראל ורדיגר'ס ערשטע אלבום 'בית נאמן בישראל', האט
איך ארויפגעזעצט די מעלאדיע אויף אן אנדערן וזה (וזה המצוה על כל אדם ואדם
לאהוב את כל ישראל...).

די ווערטער פונעם תניא צענען מיר אבער כסדר צוריק ארויפגעשווימען. ספעציעל
אויפטרעטענדיג ביי אזויפיל חתונות און צוזעענדיג פונדערנאָנט ווי אזויפיל חתנים וכלות
בויען דירות פארן אייבערשטן, בעולם הזה.

**דער מנהיג לבירה , טרעפט א דירה...**

**וזה כל האדם ותכלית בריאתו**
**ובריאות כל העולמות.**
**להיות לו יתברך דירה בעולם הזה.**
(תניא חלק א לג)

דער מנהיג לבירה - זוכט א דירה - בעולם הזה.
בעולם הבא, בעולם הזה.

דער מנהיג לבירה - זוכט א דירה - בעולם הזה.
דער מנהיג לבירה - טרעפט זיין דירה - בעולם הזה.
בעולם הבא, בעולם הזה.

דער מנהיג לבירה - מיט זיין גבורה - מאכט א חקירה -
זוכט א דירה - פול מיט יראה - מיט א היימישע צורה -
וואו מ'זינגט דארט שירה - טרעפט זיין דירה - בעולם הזה.
בעולם הבא, בעולם הזה.



# 4 ווי גליקליך




צו געדענקסטו ווען געשריגן דו האסט
און טרערן פון די אויגן געלאזט.
צו זיך אליין גערעדט -
שטילערהייט אין בעט
און געמיינט אז ס'איז עק וועלט.

צו גלייבסטו אז די שווערסטע נעכט
ווען דו האסט געפילט פארלוירן און שלעכט.
דיין הארץ איז דיר צושטורעמט -
דאס האט דיך געפארעמט
און דיך אויף דיינע פיס געשטעלט.

ווייל יעדע גריבּעלע צער
ברענגט מיט זיך א טעצעלע שכר
עס היילט - און עס טיילט -
כוחות ווי נאך קיינמאל בעפאַר.

**"ווי גליקליך ביסטו אז דו שפּירסט ווייטאג**
**עס גייט דיך מאכן שטערקער נאך איין טאג.**
**איין טאג, איין טאג.**
**איין טאג וועסטו זען**
**אז נאר דורך דעם**
**וואס ס'איז דיר געווען שווער**
**ביסטו געוואקסן מער."**

יעדער וואס האט ערגעץ דערגרייכט
האט א וועג אדורכגעמאכט.
א טעות מאכט אונז בעסער -
נסיונות מאכט אונז גרעסער
הארץ ווי איז א הארציגע שפראך.

וואויל איז דער וואס שפירן טוט
אבער גלייבט אז ס'וועט נאך ווערן גוט.
דיין הצלחה פון מארגן -
זענען נעכטיגע זארגן
ווען דו האסט געמיינט אז דו ביסט שוואך.

ווייל יעדע גריבּעלע צער
ברענגט מיט זיך א טעצעלע שכר
עס היילט - און עס טיילט -
כוחות ווי נאך קיינמאל בעפאַר.

"ווי גליקליך....

*די טאג וואס דו קומסט אָן ווייט*
*וועסטו שטיין אין די זייט*
*ס'איז געווען א שווערע צייט*
*אבער אָן דעם וואלט איך גארנישט געהאט.*

"ווי גליקליך....

רעיון

מיט אפאר יאר צוריק, ווען ידידי היקר, דער באקאנטער בדחן ואיש האשכולות הרה מרדכי דוד עסטרייכער הי"ו האט מיר געוויזן דעם איינפאל מיט אזויפיל דוגמאות פון אידישע תאוות האט מיר אנגעכאפט א שטארקע תאוה עס אויסצושטעלן אין גראמען און ליד.

די ניגון עספעציעל האט געדויערט אָן א שיעור צייט, מחשבה, און יגיעה, דאס מסדר צו זיין כראוי. סיי די חלק פון צאמלען כל מיני דוגמאות דורכציפן און אויסוועלן. פראבירן אויסשטעלן לויט די טעמע. אריינקלעבן עס מיטן ניגון. און... עס דארף נאך גראמען אויך!

און סיי די חלק אז עס זאל זיין קאליריפול און אינטערסאנט, אבער אויך אן העכסט ערליכן און בכבוד'יגן אופן, און נישט חלילה נאריש אדער בדרך לצון ח"ו. די ניגון איז געבויעט ארויסצוברענגען דעם טיפן הנאה פון א איד, אז אפילו די גשמיות'דיגע דוגמאות (טרעפן א בלאט פלעק אויפן אתרוג, וכדו') זאלן זיין עפעס וואס בלייז אַן אמת'ער פרומער און ערליכער איד שפירט, פארשטייט, און קען כאפן א שמייכל (און אויך א טרער) מיט הנאה.

**"...כאטשיג ס'איז תאוות ומחשבות לבנו. אבער ס'איז אלעס לעבדותו יתברך שמו."**

אגב. די ניגון האט ארגינעל געהאט נאך א גאנצע דריטע רונדע, אבער תפסת מרובה לא תפסת. אפשר ווערסיע 2?

שפירט באקוועם אריינצושיקן פאסיגע דוגמאות און בעז"ה וועל איך פראבירן צאמשטעלן דאס בעסטע און מעגליך ארויסגעבן א צווייטע ווערסיע, בלי נדר.

# אידישע תאוות



"ס'איז סוף פונעם סעודה שבועות ביינאכט
איבער'ן טעלער פלייש זיצט דער איד פארטראכט.
איך גיי דאך היינט נאכט אויפזיין זאגן תיקון
אין אפאר שעה ארום דאווען איך שוין ותיקין.
ש'טייצעך אז פארן דאווענען א קאווע וויל-איך
אבער אויב עס איך יעצט די פלייש וועל איך נישט קענען האבן קיין מילך.
דער איד טוט קווענקלען און זארגן
ער ברויך מחליט זיין: אדער פלייש יעצט, אדער א קאווע מארגן.

לכאורה איז דער איד סתם א בעל תאוה
מאכט חשבונות פון אכילה, פלייש אדער קאווע.

האט אבער א גוטער איד מסביר געווען אזוי
באטראכט די חילוק אין תאוות פון איד און א גוי,
א גוי'ס תאוות איז נידריג, מיאוס, און טרייף
דעם איד'ס תאוה איז אבער געבויעט אויף לא תבשל גדי בחלב.
דער איד'ס תאוה קען טאקע האבן גשמיות'דיגע טעמים
אבער ס'שרייט ארויס פון זיך דעם אתה בחרתנו מכל העמים."

**"אזוי צו אזוי - וואס פארשטייט א גוי,**
**ס'איז דאך תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו."**

די צאמשטעל פון א קאווע מיט א קאצקע צוקער נאכן מקוה מיט די נאסע פאות
די תאוה מוצאי שבת פון צאמלייגן דעם טלית און טון עפעס פאר שלום בית.
די זיסקייט פון א דרימל אינמיטן לכה דודי, ס'איז בעסער ווי אין בעט אינמיטן נאכט
און פון צו גיין צום עמוד און זיך גארגלען ביים ברעטל בשעת דער עולם קראכט.

עולה זיין שישי, זיצן אויף מזרח, שווענדן מפטיר יונה אַן אוצר
אויסלאזן תחנון אדער איבערהיפּן דעם לאנגן שטיקעלע יוצר.
שרייען די ערשטע 'יעלה ויבוא', ס'איז א שמחה ממש אז מ'קען וויינען
גיי זיי מסביר פאר א גוי דעם טעם פון מאכן קידוש אינמיטן ליינען.



זיך קענען אראפזעצן נאך א לאנגע ממקומך, אראפציען דעם טלית פונעם קאפ
די חיות פון שרייען אויפן בעל קורא ווען ער מאכט א טעות מיטן טראפ.
שרייען 'חזק', שטויסן עמלק, מיט א צארן א שארפן
און ווארפן אויפן חתן א צוקערל נאכדעם וואס יעדער האט גע'ענדיגט שוין ווארפן.

מיטברומען 'וטהר לבנו', אדער שרייען "שבחחח" אזוי קרעכציג
אויסצופאסטן נאך א לאנגן תענית, כאפענדיג א מעריב ביי די זעכציג.
א שמעק טאביק, א קוגל ליל שישי, א אידישע הבנה
די דילעמע פון קלייבן וועמען צו פרעגן שלום עליכם ביי קידוש לבנה.

**"אזוי צו אזוי - וואס פארשטייט א גוי,**
**ס'איז דאך תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו."**

די תאוה פון נאך דארפן ערלעדיגן אויף שבת, נישט קיין חילוק ווי שפעט ס'איז די זמן
די תאוה פון נעמען צוויי האנטוכער אין מקוה, אן עקסטערע דערקוויקונג איז פארהאן.
זארגן און שוויצן שוין פרייטאג ביי קידוש צו גרעיפּ דזשוס אויף הבדלה וועט נאך זיין
די תאוה פון האלטן שוין די כוס אין די האנט, אין א זאפטיג שמועס לאזט זיך אריין.

די תאוה פונעם טאטע'ן צו פרעגן ביי יחץ, 'נו קינדער, וועלכע חלק איז גרעסער'
צו דרייען מיט א בעזעם ביי שריפת חמץ אז די פייער זאל ברענען בעסער.

מאכן זיכער יעדער ווייסט אז איך פאר אוועק אויף יו"ט אין קאנטרי אדער לעבר הים
די פילינג פון פארזוכן דעם האלאפטשע פון באבע'ן, כאטשיג עס איז חק בלי טעם.

די געשמאק פון קענען בראקן אחרון של פסח, נאך זיבן טעג האבנדיג געווארט
חוהמ"ד באזוכן דעם טיר-גארטן, ווייל א גאנץ יאר איז דאך עס פארשפארט.
דאס וועלן קלאפן נאך איינמאל די הושענא און זען ווי די בלעטלעך צעפליעט
טרעפן א בלאט פלעק אויפן חבר'ס אתרוג, די שמחה פארשטייט נאר א איד.

בענטשן גומל ביים גרעסטן מנין, זאל יעדער פרעגן 'וואו ביסטו געווען?'
און ווען אין שפיטאל פירט מען איינעם אריין, ארומגיין פרעגן 'וואס איז געשען?'.
קוקן צו די פּעינט איז טאקע טריקן, מיט די פינגער געבן א טייטל
די כיטערישקייט פון דערווישן יענעם'ס נאמען מיטן קוקן אויף זיין טלית בייטל.



אויפצווועקן יעדן איד אויפן פליגער און פרעגן אויב זיי ווילן אפשר דאווענען
שטופט אפ דעם  סיום פון חודש חשון, דוקא אין די 9 טעג דאס צו פראווענען,
געבן מזל טוב פארן חתן פונקט ווען צום חופה ער גייט-שוין
ווען א מצוה טאנץ וואס זאל זיך ענדיגן ווען יעדער איינער אויפשטייט-שוין.

**"אזוי צו אזוי - וואס פארשטייט א גוי,**
**ס'איז דאך תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו."**

די תאוה פונעם חולה וואס וויל פאסטן, כאטשיג וואס דער דאקטאר שרייט געוואלד
די תאוה פונעם רוסישן איד וואס לאזט זיך מל'ן ביי די 40 יאר אלט.
די תאוה פון עלטערן צו טון פאר זייער קינד אסאך מער ווי פאר זיך אליין
די תאוה פון א קינד וואס וויל ברענגען נחת און גייט אויס מ'זאל אים פארשטיין.
די תאוה וואס ברענט אין א פארלוירענע נשמה, באמת וויל ער זיין גוט
נישטא נאך אזא תאוה ווי א אידיש קינד'ס תאוה וואס אוועקשטיין פון א תאוה ער טוט!

**"איך דאנק דעם קל חי - שלא עשני גוי,**
**כאטשיג תאוות ומחשבות לבנו, ס'איז לעבודתו יתברך שמו."**

# איני יודע!

רעיון

אינעם הגדה של פסח, איז כ"ק מהר"י מבעלזא זי"ע מסביר אז מיר זענען אלע אין די בחינה פונעם 'שאינו יודע לשאול'. מיר ווייסן אליין נישט וואס – און וויאזוי – צו בעטן, אונז ווייסן אליין נישט וואס מיר ווילן און דארפן.

**את פתח לו** – באשעפער איינציגער, אבער דו ווייסט דאך יא. דו ווייסט דאך זייער גוט וואס עס פעלט אונז און וואס איז די בעסטע פאר אונז. טאטע, גיב אונז!

6

בּורא כל עולמים,
אני איני יודע
מה שחסר לי
ומה שטוב לי
ואיני יודע על מה לבקש.

אתּה, הרי יודע,
מה שחסר לי
ומה שטוב לי
רבּונו של עולם,
מלא משאלות לבי.

איך אליין ווייס נישט
וואס ס'פעלט פאר מיר
און וואס איז די בעסטע פאר מיר,
און איך ווייס נישט אויף וואס צו בעטן.
אבער דו, דו ווייסט דאך יא.
וואס ס'פעלט פאר מיר
און וואס איז די בעסטע פאר מיר,
רבוש"ע איך לאז עס פאר דיר.

מקור: כ"ק אדמו"ר מהר"י מבעלזא זי"ע

7

# הכרת הטוב

רעיון

אין תיקוני זוהר (דף לב) שטייט אז די חשבון פון שם אד' איז היכ"ל. מיר האבן קיין השגה וואס טוט זיך אין הימל. די עולמות היכלים, און שערים. די מלאכים, שרפים, אופנים וחיות הקודש, יעדער מיט זיין תפקיד, דמות און דרגה. מלאכי רחמים וואס זענען מכניס אונזערע תפילות און די כח פון א טרער אזש די שערים פון דמעות פארשפארן זיך נישט.

דעם ניגונ'ס ציל איז ארייגצופירן דעם איד אין די ספערן, בדרך משל און קורץ, און אויפוועקן די מחשבה זיך צו כאפן דעם תפקיד און וויכטיגקייט פון להודות את שמך. ווי דוד המלך זאגט 'פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה קָהּ.'

די ניגון ברענגט ארויס פארשידענע ציפערן פון שווערע לאגעס אויף אונזער פלאנעט וואס מיר ווייסן ב"ה ניטאמאל דערפון. די ציל דערפון איז צו באגרייפן וואספארא אמת'ע עשירים מיר זענען, ברוחניות ובגשמיות ווי גליקליך און דאנקבאר דארפן מיר זיין אויף די "פשוט'ע" זאכן וואס מיר פארמאגן.

די ניגון האט געדארפט ארויפגיין אויפ'ן ערשטן אלבום, און נאכדעם אויף די צווייטע, אבער אלעס ווערט אפגעשיקט צום פונקטליכן אדרעסס!!....

אגב, די שורות זענען כסדר געווארן איבערגעארבעט נאכאמאל און נאכאמאל. למשל, אפאר יאר צוריק, בשעת די האריקעינ'ס האבן באטראפן הײמישע געגענטער, און ווען גרויזאמע טעראריסטישע גרופעס האבן אנגעצייעט טעראר איבער פארשידענע מקומות, זענען די פאלגענדע שורות געווען טייל פונעם ליד:

**"וויפיל זענען היימלאז, אן אַ קלייד אן אַ דאך,**
**און וויפיל האבן יא, אבער ציטערן פון אַ פארשוועמעניש.**
**וויפיל וואוינען אין אַ סביבה פון מלחמות אסאך,**
**אדער דארט וואו עס דרייען זיך מחלות וואס אויסהיילן קען–מען–נישט.**

די סאמע פרישסטע שורות זענען די פאלגענדע. עס רירט אָן די נקודה ווי נארמאל און דערהויבן איז צו הערן דעם ניגון ליינענדיג דעם ביכל, 'קויפענדיג' דעם סידי פאר די דאללער וואס יעדער ב"ה האט. ווייל ווי שלעכט, נעבעכדיג, און אומגליקליך איז פארקערט. ודו"ק.

**"דו קענסט הערן דעם ניגון, קענסט די ווערטער ליינען,**
**דו האסט די פאר דאלער צו קויפן אַט דעם סידי.**
**שכל צו פארשטיין וואס די ווערטער מיינען,**
**וויפיל זענען נישט אזוי גליקליך ווי–דו."**

# הכרת הטוב

דער מלאך כאפט מיר אָן ביים האנט
אויף יענעם עולם אונז שפאציר מיר געשפאנט.
ער גייט פאראויס און איך גיי נאך-אים
איך טרעף מיר אין א שטוב, פול פול מיט מלאכים.

א גערודער א געטומל פאר קיין רגע שטיל-איז
דא איז די שטוב וואו עס קומען אן אלע תפילות.
ארבעט איבערן קאפ, אַן עבודה קשה
אנצונעמען פון די גאנצע וועלט יעדן'ס בקשה.

פון דארטן צום נעקסטן צימער ער טראגט-מיר
א רעש אז איך קען קוים הערן וואס ער זאגט-מיר.
דא פאקט מען צאַם יעדן'ס נס
פון דא שיקט מען עס אפ צו דעם בעטער'ס אדרעסס.

מיליאנען מלאכים קומען און גייען
מסדר זיין פאר יעדן די ענטפער צו זיינע געשרייען.
עס ארבעטן אויף קעסל און כלים אלע
ביליאנען בקשות איז מען דאך ממלא.

דער מלאך ווינקט מיר אויב איך בין גרייט
פון דארטן ווייטער צום נעקסטן צימער מען גייט.
דער מלאך עפענט די טיר, גיט אן אטעם אריין
ער ווייזט מיטן פינגער אז שטיל זאל איך זיין.

מען הערט קיין גערודער קיין שום געוואלד
אלעס איז שטיל, גארנישט רעש'ט און טומלט.
די שטוב איז שטויביג, טונקל, קאלט
א מלאך זיצט ביי א ליידיגן טיש און דרימעלט.

מלאך מלאך זאג מיר קלאר
אין דעם היכל וואס גייט דא פאר.
פארוואס האסטו מיך אהערגעפירט
עס קוקט דאך נישט אויס ווי ארבעט ווערט דא אפערירט.

ביז אהער אזא געטומל געזען איך האב
אבער דא איז שטיל, קיינער טוט נישט יאגן.
דער מלאך בייגט אראפ זיין קאפ
און פארשעמטערהייט הייבט ער מיר אן צו זאגן.



דעי שטוב איז געשטעלט דערויף
דא קומט אָן יעדן'ס הכרת הטוב.
נאכן אראפשיקן השפעות גענוג
דא נעמט מען אויף די ענטפערס וואס קומען צוריק.

מיר ווארטן צו הערן שירה און לויבן
א גאנצע היכל געבויעט פאר דעם דא הויעך.
סאך מער פארנומען וואלט געווען דא אויבן
ווען יעדער איינער שיקט צוריק א יישר כח.

— • —

טראכט נאר אריין פאר איין מינוט
די געוואלדיגע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט.
ווי די תניא זאגט פונקט ווי ער איז אין סוף
אזוי איז זיין חסד. כי לא כלו רחמיו.

דו קענסט הערן דעם ניגון, קענסט די ווערטער ליינען
דו האסט די פאר דאלער צו קויפן אט דעם סידי.
האסט שכל צו פארשטיין וואס די ווערטער מיינען
וויפיל זענען נישט אזוי גליקליך ווי-דו.

אין די גאנצע וועלט, איבער אכציג פראצענט
זענען ארעם ווי די נאכט מיט ערנערונגען שוואכע.
אז דו האסט ביי דיר אפילו נאר אפאר סענט
דאנק און לויב, דו ביסט דאך פון די צוואנציג רייכע.

באלד א דריטל, איבער צוויי ביליאנען
האבן קיין צוטריט צו וואסער ביי זיך אינדערהיים.
ביי אונז אין איין מינוט גיסט זיך גאלאנען
לא רעב ללחם ולא צמא למים.

20 טויזענט פיצלעך א טאג
גייען נעבעך אויס פון נישט האבן צו עסן.
אז דו ווייסט נישט פון הונגער, זאג מיר זאג
דאנקן דעם בורא, ווי קען מען פארגעסן.

האסט א מאמע, א ברודער, א קינד, אדער א פריינט
טאלאנטן און ידיעות, דו וואקסט און דו שטרעבסט.
קענסט גיין אין גאס, זען די זון ווי עס שיינט
און אמאל אויך ווייטאג
וואס דערמאנט דיך אז דו לעבסט!



מאכן א חשבון אליין דו מוזט
ווי גליקליך, ווי רייך, ווי א בר מזל דו ביסט.
ווארף אוועק די עצבות און קלעם
טאנץ ביזן הימל און שריי הודו לד'.

הייליגע באשעפער, איך האב דיר ליב
איך דאנק און דאנק און דאנק, ס'גייט א רויעך.
נעם צוזאם די מלאכים און פול אן דעם שטוב
ש'כח, ש'כח, טאטע - יישר כח.

**"הייליגע טאטע דו ביסט דאך אזוי וואויל**
**דו גיבסט אזויפיל חסד נאך און נאך.**
**אויף דעם אלעם זאג איך ועל הכל**
**ד' אלקינו אנחנו מודים לך.**

**דער באשעפער אין הימל איז אזוי געטריי**
**אזויפיל גוטע זאכן ער גיט און גיט,**
**יתברך שמך בפי כל חי**
**תמיד לעולם ועד."**

# געמיינט

רעיון

8

די ניגון לויפט אויף א טיף-מחשבה'דיג אופן ווי יעדע שורה
ברענגט ארויס עפעס טיפער און ניי. עס האט פארשטייט זיך
געהאט פיל נאך שורות און דוגמאות, אבער מ'וואלט קיינמאל נישט
געענדיגט. (אויך א ווערסיע 2?)

שרייבענדיג דעם ניגון – מיט בערך 12 יאר צוריק – האב
איך 'געמיינט' אז אזוי בלייבט עס. איראניש איז אבער אז איך
האב כסדר צוגעלייגט שורות, ציך האלטענדיג אין איין כאפן ווי
שטארק מיין נעכטיגע 'פארשטיין' איז היינט עפעס 'וואס איך האב
אמאל געמיינט...'!

מאנכע האבן מיר געפרעגט אויב עס גייט זיין א קאראנא
ניגון. די שורה **"אלטוועלטליכע מגיפות קען שוין נישט היינט
געשען"** האב איך אריינגעפלאכטען בשעת'ן רעקארדירן,
ארויסברענגענדיג אט דעם אומבאגרייפליכן ווירוס. ווער וואלט
זיך געח'לומ'ט און געמיינט אז אזא מגיפה קען נאך היינט

פאסירן? (אה, וואספארא שורה איז דארט געווען בעפאר?
אדרבה, לאזט מיך הערן וואס איר טראכט.)

רעדנדיג פון דעם מגיפה, עס קומען כסדר אויף פארשידענע
זאכן אין די וועלט וואס מ'וואלט אמאל נישט געחלומ'ט פון קענען
שרייבן אזא מציאות און נאר היינט קען מען דאס שרייבן.
(למשל, איך האב אמאל געמיינט אז...
"ערקוואקסענע וועלן זיך שעמען צו שפילן מיט עלעקטראנישע שפילצייגן
און אז א קאר וועט קיינמאל קענען פארן אטאמאטיש,
און מיט א מאַסק אויפן פנים קען מען אין א באַנק נישט אריינשטייגן
און כדי צו ווערן פרעזידענט דארף מען זיין דיפלאמאטיש!")

**אוי, איך האב אמאל געמיינט אז...**
**משיח וועט שוין זיין דא לאנג..**
**איך האב געמיינט.. איך האב אמאל געמיינט...**

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
ווער ס'איז רייך איז קלוג
און פארלוירן מיינט בלאנדזשענען אין וואלד,
ווער ס'האט דאס לעצטע ווארט, דער האט געזיגט
און ווער ס'האט ווייסע האר איז אלט.

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
נאר אמאל צדיקים איז געווען
און ווער ס'שרייט די העכסטע הערט מען אויס,
אלטוועלטליכע מגיפות קען שוין נישט היינט געשען
און אז א ווארימע היים מיינט א געהייצטע הויז.

**ווי מער איך עלטער מיך, פארשטיי איך אנדערש און מער...**
אז אפילו אָן וואג קענען זאכן זיין זייער שווער.
נישט דוקא מיט שוועבעלעך מיינט זיך שפילן מיט פייער
און אפילו אָן געלט קען מען באצאלן טייער.

—•—

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
דער וואס שמייכעלט, לאכט
און זיין ביי זיך שטארק מיינט בויען א שטארקען גוף,
און חלומ'ן א חלום קען מען נאר אין א בעט, ביינאכט
און דערטראנקן ווערט מען נאר אין א ים, מיט א שיף.

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
מיינע עלטערן זענען צו שטרענג
און מיינע חברים זיי זענען עכטע פריינט,
אן ערליכע איד ווענדט זיך ווי גרויס ס'איז די געדרענג
און אז איך קען טון מארגן דאס וואס איך טוה נישט היינט.

**ווי מער איך עלטער מיך, פארשטיי איך אנדערש און מער...**
אז וויינען קען מען אויך אָן א טרער.
שרייען קען מען אויך אינדערשטיל
און אז מיט איין ווארט איז אסאך מאל געזאגט שוין צופיל.

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
ווער ס'האט שכל, טראכט
און פארבארגטע געלט צוריק נאך זען וועל איך,
אז ס'איז לעכטיג נאר בייטאג, און ס'איז טונקל נאר ביינאכט
און אז יענע מעשה ליינט מען אין א בוך.

**ווי מער איך עלטער מיך, פארשטיי איך אנדערש און מער...**
זוכן הילף איז נישט קיין שוואכקייט, נאר פונקט פארקערט,
זאט איז דער וואס טיילט, נישט דער וואס פארמאגט
און אז א יאר לויפט שנעלער ווי א טאג.

—•—

**אוי, איך האב אמאל געמיינט אז...**
משיח וועט שוין זיין דא לאנג
אויב נישט וועלן אידן פראבירן כאטש צו לעבן אין פרידן,
ס'וועט זיין סאך מער מעדעצינען, וועלן מענטשן זיין ווייניגער קראנק
און די וועלט וועט שוין איינזען ס'איז נאריש פיינט צו האבן אידן.

**איך האב אמאל געמיינט אז...**
איך האב אמאל געמיינט
און יעצט מיין איך, אז איך מיין נאכאלץ.
אבער איך מיין אז וואס איך מיין היינט,
קומט נישט צו צו וואס איך גיי נאך מיינען
און וואס איך מיין היינט, גיי איך אמאל נאך באווייזן.

**איך האב געמיינט.. איך האב אמאל געמיינט...**

# 9 שִׂמְחַת חִנָּם

רעיון

אידן האבן געוויינט יענע נאכט ווען די מרגלים זענען צוריקגעקומען דערציילן שלעכטס אויף ארץ ישראל. דער באשעפער האט געזאגט (תענית כט א): "עטס האטס געוויינט פאַר גארנישט, איך וועל ענק געבן א סיבה אויף וואס צו וויינען!"

יענעם צעלבן נאכט איז תשעה באב. ביז היינט וויינען מיר – פאר א טראַגישע סיבה – אינעם צעלבן נאכט וואס אונזערע זיידעס האבן געוויינט פאַר גארנישט.

**שטעל דיך פאָר אונזערע זיידעס וואלטן 'געלאכט' פאַר גארנישט!**

מיר ווייסן אז "מרובה מידה טובה ממידת פורענות".

אויב א חורבן'דיגע תשעה באב קומט ווען אן אומזיסטע געוויין. על אחת כמה וכמה, וואספארא יום טוב קען רעזאלטירן פון איין אומזיסטע לאַך!

מיין אומזיסטע טאנץ, מיין שמחה של חינם, קען ברענגען א סיבה פאר מיינע אייניקלעך צו טאנצן און שמייכלען, א שמחה לדורות

**שטעלט דיך פאָר דו לאַכסט בחינם, דו טראכסט...**

"לאחר שחזרו המרגלים מן הארץ והוציאו דיבתה.
אוי ווי", האמין להם העם.
הם ישבו ובכו באהליהם. וַיִּבְכּוּ הָעָם בַּלַּיְלָה הַהוּא.

**אמר להם הקב"ה:**
**אתם בכיתם בכיה של חנם. ואני קובע לכם בכיה לדורות.**
(תענית כט עא)

בכיה של חינם, ווײנען אָן א סיבה
קובע לכם בכיה לדורות.
שמחה של חינם, שמחה אָן א סיבה
קובע לכם שמחה לדורות.

**אידעלע דו ווײנסט**
**בחינם, דו מײנסט**
**א תשעה באב ווערט פון דעם ביי כלל ישראל.**
**שטעלט דיך פאָר דו לאכסט**
**בחינם, דו טראכסט**
**אן אייביג שמחה ווערט פון דעם אויף אלעמאל.**

אוי ווי, האמין להם העם
ס'איז שוין לאנג נישט קיין בכיה של חנם.
הם ישבו ובכו באהליהם
שוין אזויפיל יארן צו דיר מיר שרייען.
וַיִּבְכּוּ הָעָם, בַּלַּיְלָה הַהוּא
צו אונזער שמחה של חינם, ברענג שוין א סיבה דערצו.



# שופר

רעיון

די ניגון איז פערפאסט געווארן אין קעמפ אלס יונג בחור אין ישיבה קטנה, לכבוד שבת נחמו.
תלמידים פון יענע ישיבה קטנה יארן וועלן זיכער זיך דערמאנען ווי מען פלעגט זינגען דעם ניגון ברוב עם - אָן ווערטער.

עס זינגענדיג לעצטענס ביי א פריוואטע מעמד - אויף ממקומך, שבת אינדערפרי - איז א חשובער איד צוגעקומען צו מיר נאכפרעגן איבער'ן ניגון. הערנדיג אז ס'איז נאכנישט אויף קיין 'טעיפ' און אז ס'איז ווערטערלאז, האט ער מיר דערציילט די מעשה וואס ער האט אליינס געהערט פונעם בעל המעשה (הרב צבי נתן דוד ראבינאוויטש ז"ל, ברודער פון כ"ק האדמורים ממונקאטש ודינוב שליט"א).

איך האב געפילט ווי ס'ניגון האט געטראפן איר זיווג.

סיי די עצם געדאנק פון די מעשה וואס שרייט פון זיך ארויס דעם טיף-שרייענדן תביעה צום אייבערשטן. עס איז די הארציגקייט פונעם צדיק וגדול ווי דער הייליגער מנחת אלעזר, אוועקקוקענדיג פון א מנהג ישראל צוליב א קינד'ס געוויין.

**אוי, "תקיעה, תרועה, אוי שברים. די קולות ברעכן אויף אלע שערים..."**

ס'איז ערב ראש השנה, מ'שפירט דעם הייליגקייט
דער מנחת אלעזר זיצט אין צימער פארטראכט,
זיין מחזור, זיין שופר, אויפן טיש שוין גרייט
די לעצטע ראש השנה אויף די וועלט פארבראכט.

זיין קליין אייניקל הערשעלע אריין צום זיידן טרעט
זיין בליק פאלט צום שופר אויפן טיש,
זיידע, איך וויל דאס הערן, בלאז פאר מיר - ער בעט
אבער דער צדיק ענטפערט, היינט בלאזט מען נישט.

שעפעלע ניין - ער גיט צו פארשטיין
לייג דעם שופר'ל אראפ
מען בלאזט טאקע א גאנצן חודש,
אבער היינט מען שטעלט זיך אפ.
ער איז מסביר דעם תינוק - אזוי איז די מנהג
ערב ראש השנה איז מען שטיל
ווייל צומישן דעם שלעכטן שטן מען וויל.

אבער הערשעלע וויינט - פארשטייט נישט וואס ס'מיינט
איין תקיעה'לע בלאז
איך וויל נישט ווארטן ביז מארגן,
זיידע פארוואס ווילסטו נישט יעצט, פארוואס?
מיט רחמנות פארשוועמט - דער צדיק נעמט
דעם שופר לייגט ער צום מויל
וכל העם רואים את הקול.

תקיעה, תרועה, אוי שברים
די קולות ברעכן אויף אלע שערים,
די שברים צובראכן, צעהאקט איז די תרועה
אן אמת'ע קול פון בכיה.

ער שטייט דארט מיטן שופר, ער בלאזט און בלאזט און בלאזט
די טרערן פון זיינע אויגן קען אנפילן א גלאז,
דאס קינד ווערט בארואיגט, פון צימער גייט ארויס
דער צדיק זיינע הענט שפרייט ער אויס.

**"טאטע זיסער, דו ביסט דער וואס אלעס זעט-דאך**
**איך האב עובר געווען אויפן אלטן מנהג, זיי מיר מוחל איך בעט-דיך,**
**איך ווייס ס'איז נישט די צייט פון שופר, כ'האב עס באמת נישט געמיינט**
**אבער וואס טוט נישט א טאטע ווען זיין קינד וויינט.**

**פרעג איך דיר, איך ווייס וועסט זאגן אז ס'איז נאכנישט די צייט**
**דיינע קינדער וויינען, וויאזוי קענסטו שטיין אין א זייט,**
**תקע בשופר גדול, די וועלט זאל שוין ווערט באשיינט**
**ווייל וואס טוט נישט א טאטע ווען זיין קינד וויינט."**

אבינו אב הרחמן המרחם רחם
וויאזוי האלטסטו אויס דעם געשריי,
קיין איין טאטע קען נישט זען ביי זיך אינדערהיים
ווי זיין קינד וויינט און עפעס טוט וויי.

קוק ווי הויעך מ'וויינט ביי דיר, זיך אוועקדרייען דו טארסט-נישט
טאטעניו, דיין טיר פארמאך נישט,
יעדן איינציג טאג, וואס מיטן שופר דו בלאזט-נישט
דער שטן ווערט רואיג, מיר ווערן צומישט.

צובראכן און ארעם - פונקט ווי שברים
מיטן אטעם דעם לעצט
לבבות נשברות - פון אזויפיל צרות - צובראכן אויף צוזעצט.
מחלות, פראבלעמען - כל מיני נעמען
ס'גיסט א ים פון טרערן
וויפיל מעג מען דען דעם קול פון שברים הערן.

מען זוכט רפואות - מען שרייט תרועות
צוהאקט אויף פיצלעך צושניטן
חולי ישראל - תרועות אין שפיטאל - קליינע קינדער וואס בליטן,
דער פלאגט זיך מיט קינדער - דער בעט פון-דיר
לשובע ולא לרזון
וויפיל שברים און תרועה'ס איז די שיעור צו בלאזן.

אוי תקיעה, תרועה, אוי שברים
די קולות ברעכן אויף אלע שערים,
מיר ווארטן צו הערן די איינע תקיעה
דעם אמת'ן קול פון ישועה.

שטיי דארט מיטן שופר, און בלאז און בלאז און בלאז
טו עס פאר דיינע קינדער און פרעג שוין נישט פארוואס,
די שטערקסטע תקיעה פון אלע תקיעות גדולות
וכל העם רואים את הקולות.

**"טאטע זיסער, דו ביסט דער וואס אלעס זעט-דאך**
**איך האב עובר געווען אויפן אלטן מנהג, זיי מיר מוחל איך בעט-דיך,**
**איך ווייס ס'איז נישט די צייט פון שופר, כ'האב עס באמת נישט געמיינט**
**אבער וואס טוט נישט א טאטע ווען זיין קינד וויינט.**

**פרעג איך דיר, איך ווייס ווענסט זאגן אז ס'איז נאכנישט די צייט**
**דיינע קינדער וויינען, וויאזוי קענסטו שטיין אין א זייט,**
**תקע בשופר גדול, די וועלט זאל שוין ווערט באשיינט**
**ווייל וואס טוט נישט א טאטע ווען זיין קינד וויינט."**

www.mottyilowitz.com

MENDY HERSHKOWITZ PRESENTS

# מאטי אילאוויטש

# MOTTY ILOWITZ




1 יעדער קיינער
2 קל ארך אפים
3 דירה
4 ווייטאג
5 אידישע תאוות
6 איני יודע
7 הכרת הטוב
8 געמיינט
9 שמחת חינם
10 שופר

ALL RIGHTS RESERVED. UNAUTHORIZED DUPLICATION IS AGAINST THE LAW AND HALACHA.
כל הזכיות שמורות. אסור להעתיק בשום אופן עפ"י הלכה ולהבדיל החוק הבינלאומי לשום צורך.

8 26807 22018 8

Distributed By לחיים Lechaim
www.lchaimusa.com • 718-369-2090

SONIC DUO

SD RECORDS